# ווייס איך וועןְ?

ליבער כאסקל,

ווו. הייבט מען דאָ אָן? מיט התפעלות פאר דיין ציכטיקן שרייבן? מיט דאנק פאר דיינע אייגנארטיקע בריוו? מיט א קאָמפלימענט פאר דיין גראָטעוונער איבערזעצונג? מיט תשובות אויף דיינע אויספירלעכע באמערקונגען? ניין, מיט ידיעות וועגן זיך.

פאר אכט טאגן האב איך אנגעשריבן אן ארבעט וואס האט מיך שטארק באפרידיקט. אָן ארבעט וועגן ישראל. יודזשין האט מיר ניט געוואלט אָפּלאָזן און געפּאָדערט פון מיר אן "אקטועלער" אפרוף אויף מיין זיין דא. כ'האב עטלעכע מאל אנגעהויבן און ס'איז גארניט ארויס. נאר אין איין העלן טאג (וואס דען – א פארכמורעטער טאג?) האב איך זיך אוועקגעזעצט און אנגעשריבן אן עסיי "פריידיקע ייִדן". צוויי זאכן האבן מיר באווירקט: א כוואליע פון פאלקישער אידענטיפיקאציע וואס האט מיר "פארשווענקט" פורים צייט, און א בפירושער דורכרייִס דורך דעם שטעכיקן שאלעכץ פונעם סאברע. נאך אכט חדשים האט זיך מיר איינגעגעבן צו "קאמוניקירן" אויף א בובערישן אופן. און מיט וועמען? מיטן ווייִ-בערישן מין. נאר איידער איך לאז זיך אריין אין אט דער פריילעכער טעמע, וויל איך נאר צוגעבן אז כ'האב די ארבעט געגעבן לייענען לייב ראכמאנען און זי האט גאר שטארק אויסגענומען ביי אים. ביי אים ארויס-צוקריגן א קאמפלימענט איז ניט פון די לייכטע זאכן, בפרט וועגן אן ארבעט וואס האט א שייִכות מיט זיין באליבט לענדל. איך האף אז דערמיט האב איך אָנגערייצט דיין אפעטיט און וועסט מיט גרויס חשק איבערלייענען די זאך ווען זי וועט ארויסקומען אין דרוק. (ייִשׂראל־נומ׳ 12).

און איצט וועגן דעם עיקר. סאברעס. ניטא אזעלכע באשעפענישן אויף גאר דער וועלט. כ'בין ממש באגייִסטערט (און פאַרכישופט און פארלאָרן און א ביסעלע פארלי...). וועגן איין מיידל האב איך דערציילט אויספירלעך אין דער ארבעט. זי הייסט תמר און לערנט זיך ייִדישע ליטעראטור מיט מיר צוזאמען. עלטער פאר מיר מיט עטלעכע יאר און האט א ייִדישע נשמה פון אמאליקע צייטן. און ווי ס'איז אלעמען באקאנט: היינט צו טאג מאכט מען ניט נשמות ווי מע פלעג פארצייטן. כ'האב געשטוינט צו הערן אירע טיפע אָנגעווייטיקטע געדאנקען און זיך געפילט שטאלץ וואס זי פארטרויט זיי מיר. א צווייט מיידל הייסט בתיה און לערנט זיך אויך ייִד' ליט'. אויך מיט איר פארברענג איך לעצטנס שעהען גאנצע און זי האלט אין איין דערציילן און דערציילן. זיי האבן א סך איבערגעלעבט, אט די חברה, און זיי ווארטן נאר אויף א געלעגנהייט זיך אויסצורעדן. ניטא קיין בעסערער צוהערער ווי א בחור פון קאנאדע וואס פאר אים איז יעדער פרט א נייעס. נאר דער סאמע עיקר איז א מיידל מיטן עכטן סאברישן נאמען "עמית".

אט דאס מיידל איז א יוצא דופן פון דו וועלכן דו וואלסט אויך פארכאפט געווארן. כ'האב זי באמערקט מיט צוויי חדשים צוריק. א מיידל א קראַ-סאוויצע מיט לאנגע בלאנדע האר קוקט אויף מיר. יא, טאקע אויף מיר. איך זאל זיצן צוויי הונדערט סטודענטן און זי קוקט זיך אום אויף מיר. נאר דוד-הירש דער פחדן האט זיך ניט געלאזט גלייבן. מיר וועלן זען דאס צווייטע מאל. איז אדורך א חודש און ראסקעס באמערקט אז דאס מיידל האט אים טאקע אויסדערוויילט פון אלע בחורים צו ווערן דער אויסשליס-לעכער ציל פון איר פאַרכישופדיקן בליק. נאך פינף וואכן האב איך באַ-שלאסן צו ריזיקירן מיטן לעבן און – כ'האב זיך אוועקגעזעצט נעבן איר. ראסקעס פירט זיך אויף ווי א גימנאזיסט, נאר ער קען זיך ממש ניט העלפן. א פחדן בלייבט א פחדן. דאס מיידל פראָטעסטירט ניט. צי קען דאס געמאָלט זיין אז זי ווארט שוין פינף לאנגע וואכן אויף דעם מאמענט? מעגלעך, נאר זי ווייִזט ניט ארויס קיין איבעריקן אינטערעס. זי איז טאקע א שיינהייט און זעט אויס צו זיין עלנט דערצו. אט דאס איז גוט – מיט אן עלנט מיידל קען נאך דוד מצליח זיין. ס'גייט פארביי נאך א וואך און דוד קומט אריין אין קלאס מיט א קלאפנדיק הארץ. וואס איז? ער האט באשלאסן אז היינט וועט ער מיט איר פלירטעווען. זייער פיין, נאר ווי קומט די קאץ איבערן וואסער? דא האנדלט זיך ניט אין יהודית פעפער נאר אין א היגעגעבוירענער. זי קען מיך נאך אופעסן ווייל אלע סאברעס האבן דאך דורכגעמאכט די ארמיי און ווייסן ווי זיך צו פאר-טיידיקן. איך, נעבעך, ווייס אפילו ניט ווי אזוי צו קעמפן!

נאר דוד איז זיך מיישב: די פען איז שטאָקער פאַרן שווערד. כ׳וועל איר
אנשרייבן א ליבעסבריוו. נאר ווי טוט מען דאס אז דער שרייבער קען ניט
אויסלייגן קיין העברעיִש ווארט (איך שעם זיך דאס צו זאגן, נאר מיין
העברעיִשע ארטאגראפיע טייג אויף תשעה נייַנציק). הייב איך אן אזוי:
אל תסתכלי בטעיות כתיב שלי. עברית היא לא שפת אמי. דאס הייסט אז איך
ווארן איר אז העברעיִש איז מיין מוטערשפראך - מיין מאמע קען ניט קיין
העברעיִש און איך קען אויך ניט! זי שמייכלט (אוי, ווי א שמייכל קען
פארשקלאפן א מענטשן!). דער קלאס ענדיקט זיך און זי גיט מיר א קאָמ-
פלימענט אז מיין עברית איז גארניט אזוי שלעכט און ווו האב איך זיך
אויסגעלערנט...אויף מארגן קום איך שוין צוגעגרייט מיט אמתער אמו-
ניציע. כ׳בין אפגעזעסן עטלעכע שעה און איר אנגעשריבן מיין אויטא-
ביאגראפיע אין א ווויליִנגערישן עברית. הקיצור, א דאנק דעם בריוו
שמייכלט זי צו מיר (און איך, פארשטייט זיך, צו איר) יעדעס מאל וואס
מיר זעען זיך. נאר א פחדן בלייבט א פחדן. [redacted]
שמייכלען מיר אזוי אפּ עטלעכע וואכן; איך קום איין מאל איר באזוכן און
זי קומט איין מאל צו מיר (א גוי האט מזל: זי וווינט גלייך אנטקעגנ-
איבער מיר און כ׳קען זען איר צימער פון מיין פענצטער). ס׳איז אבער
ווייט פון געלעכטער. דוד טראכט: אפשר גיט מען אויף? נאר א שלימזל
האט מזל. דאנערשטיק נאך מיטאג גיי איך ארויס פונעם בנין מיטן טשע-
מאָדאַן אין דער האנט. כ׳פאר קיין תל-אביב. גיי איך פארביי איר בנין
און אט טראגט זי מיר אנטקעגן א טזאַליזקעלע. זי פארט אהיים, דאס הייסט,
קיין תל-אביב. וואס זאל איך דיר זאגן? שבת צו נאכטס (אדער „שאַבייסע
נאכטס") גיי איך ארויס מיט איר. מיר פארברענגען זיבן שעה אינעם שענסטן
פארק אין שטאט, הארט אויפן מיטלענדישן ים, מיר שפּאצירן באָרוועס אויפן
ברעג און מיר אנטדעקן איינער דעם אנדערן. זי איז בלויז א האלבע
סאברע ווייל זי האט פארברענגט צוועלף ביטערע יאר אין ווענעזוילא.
דערפאר טאקע קען זי מיר אזוי גוט פארשטיין. קיין ארמיי האט זי ניט
דורכגעמאכט. דערפאר האב איך מער ניט קיין מורא פאר איר. זי איז בלויז
19 1/2 יאר אלט. דעריבער וואקסט מיין אינטערעס. אייער נעכטן האבן מיר
פארבראכט נאך זיבן שעה אין איינעם. געזען דעם פילם "באָני און קלַייד".
דער ווּנדער איז וואס מיר רעדן עברית. איך זינג איר לויבגעזאנגען.
זי זאגט מיר אז איך בין אן איבערלעבונג (הערסט א מעשה?). שׂשׂון ושׂימחה.
כ׳קען שוין טאטע-מאמע. כ׳בין באפריינדט מיט איר יינגערער שוועסטער.
און טיף אין הארצן ווייס איך אז מיט אזא מיידל וואלט איך געקענט
חתונה האבן, אפילו ווען דאס וואלט געמיינט אויפ̇האָדעווען אן העברעיִש-
רעדנדיקע משפחה און פארשטייט זיך - אט דא אין ישראל. זי איז ווערט
אזעלכע בשׂורות. אין דעם איז ניטא קיין ספק. קענסטו אבער מיינען אז
דער אויסזיכט איז א גוטער. לאז איך דיר וויסן אז ניין. ווען איך וועל
ערשט גרייט זיין חתונה צו האבן, וועט זי שוין האבן עטלעכע קינדער.
און דאס שטערט ניט מיין ליבע צו איר. זי האט ארייַנגעבראכט דאס וואס
האט מיר געפעלט א גאנץ יאר. ארויסגיין מיט איר איז די גרעסטע פאר-
געניגן וואס איך קען דא האבן. אז דאס יאר וועט זיך ענדיקן, וועל איך
אוועקפאָרן און די פארגעניגן וועל איך איבערלאזן (און אויב גאט וועט
געבן וועל איך זי געפינען אויך ביי אנדערע). נאר דערווייל האב איך
זי און איך קוויק זיך מיט איר, כאטש איך ווייס און פארשטיי אז זי איז
צייַטווייַליק. כ׳מיין אז דוד-הירש איז אויסגעוואקסן.

איצט האב איך שוין ניט קיין חשק צו שרייבן וועגן "טרוקענע"
זאכן וועל איך בלויז צוגעבן הערות: 1) דיין איבערזעצונג געפעלט מיר,
my sins ספעציעל וואס דו האסט געמאכט פון "יִנד" און "ליד". דערווידער, "
" איז ניט אזוי געראָטן. נאר בכלל איז דאס זייער that were once wild
א גוטע זאך. 2) וועגן פאליטיק איז ניט שייך צו רעדן. אין אמעריקע
טוט זיך חושך און אפילו וויִעט-נאם איז בלאטע אנטקעגן דעם. 3) פון
רותיק באקומען אן אויסגעצייכנטע ארבעט וועגן יצחק באשעוויס און זיין
ארט אין דער טראדיציע פון אונדזער ליט׳. איבער א יאר וועט זי לערנען
צוויי קורסן אויף יִנד׳ ליט׳ אין מיק גיל: איינער אויף ענגליש און
איינעם אויף מאמע-לשון. 4) איבער אכט טאג פאר איך קיין מידבר סיני.
וועגן דעם וועל איך יא שרייבן. בנימינס באזוך איז טאקע געווען אן
איבערלעבונג. כ׳האב געשאפן זיך א נייעם פריינד. 5) אברהם, איך האלט
פון דיר א וועלט.

דײַן דוד-הירש